״מארק סאנדערס״ (זיין עכטע נאמען) איז אויפגעוואקסן א גוי אין אמעריקע אין די תש״ל יארן אין די געגענט פון לאס אנדזשעלעס. זיינע עלטערן זענען נישט געווען פון די בעסערע גוים און דערפאר האט מארק נישט באקומען די ליבשאפט אינדערהיים וואס יעדער איינער דארף. וועגן די שוועריגקייטן אין די היים, איז מארק ביי די פינפצען יאהר ארויס פון זיין טאטע׳ס הויז און ער האט אנגעהויבן צו זוכן ארבעט.

מארק האט פרובירט צו ארבעטן אין פארשידענע ערליי ארבעט, אבער ער האט נישט מצליח געווען אין קיין איינע פון די אלע ערליי ארבעט. דאס לעבן איז אים שווער געגאנגען. ער איז געגאנגען זוכן פרנסה אין אנדערע שטעט אין אמעריקע, און נישט איינמאל איז ער געגאנגען שלאפן הונגעריג.

איין טאג האט מארק געטראפן א פאר גלחים אויף די גאס. די גלחים האבן גלייך געזעהן אז מארק איז א צעבראכענער מענטש, ער האט נישט געהאט קיין פרנסה און נישט קיין משפחה. דערפאר, האבן זיי מקרב געווען מארק ער זאל גלייבן אין זייער רעליגיע. כאטש מארק האט כמעט נישט געהאט קיין שייכות מיט רעליגיע אלס יונגל, איז ער שנעל נאענט געווארן מיט די גלחים. האבענדיג א טאלאנט צו רעדן איז מארק געווארן א רעדנער פאר די גלחים. כאטש ער איז נאך געווען גאר יונג, ער האט מצליח געווען אין זיין נייע פאסטן.

די גלחים פלעגן זיך שטארק פארלייגן ארייצוכאפן אידישע נשמות צו זייער טמא׳נע רעליגיע. זיי פלעגן פרובירן מקרב צו זיין פרייע אידן, וואס האבן נעבאך נישט געוואוסט וואס איז יא אמת און וואס נישט און האבן אפגעקויפט זייערע שטותים פאר אן אמת. מארק האט זייער מצליח געווען אין זיין פאך אזוי ווייט אז די גלחים האבן אים אריין געשטעלט אין די ספעציעלע אפטיילונג פון זייערע מיסיאנערישע ארבעט אפצושמד׳ן אידישע קינדער. ליידער האט מארק זייער מצליח געווען מיט די מיסיאנעריש ארבעט.

נאך א שטיק צייט האט מארק געוואלט פארן קיין ארץ ישראל טראכטענדיג אז אויב וועט ער וויסן מער וועגן אידישקייט וועט אים זיין גרינגער צו שמד׳ן אידן. אנקומענדיג קיין א״י האט ער פארברענגט א חלק פון זיין צייט אין א פרייע ״קיבוץ.״ דארט איז מארק געווארן חברים מיט פרייע אידן וועלכע זענען אויך געווען אפשטאמיגע פון לאס אנדזשעלעס. שפעטער איז מארק אריבערגעגאנגען אויף ירושלים.

אין ירושלים האט ער אנגעהויבן צו לערנען לשון קודש כדי ער זאל קענען לערנען תנ״ך. מארק האט זיך שנעל דערלערנט די שפראך און ער האט אנגעהויבן צו לערנען די תורה אלס שטודיע. כאטש ער איז געווען א גוי, איז ער זייער נתפעל געווארן פון דער הייליגער תורה. נאך א שטיק צייט לערנען, האט ער געזעהן אז אלעס וואס די גלחים האבן מיט אים געלערנט איז געווען הוילע שקרים שטותים און הבלים ממש! מארק האט אנגעהויבן צו האבן אסאך קושיות אויף זיין ארבעט מיט די מיסיאנערן. אויסערדעם איז ער פשוט דערשטוינט געווארן זעהנדיג די מוראדיגע שיינקייט פון דער הייליגע תורה. ער איז אהיים געפארן אויסערגעוועהנדליך צוטומעלט, טראכטענדיג אז ער האט געמאכט א גרויסע טעות ווען ער האט צוגערעדט אידן צום שמד. אפשר זענען די אידן גאר גערעכט!

אין לאס אנדזשעלעס, האט ער אפגעלאזט די מיסיאנערן. א שטיק צייט שפעטער האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל זיין א איד. איז ער געגאנגען צו א ״רעפארם ראביי״ וואו זיי האבן מארק ״מגייר״ געווען מיט א רעפארם גירות שלא כהלכה.

מארק איז שנעל געווארן איינער פון די חשובע (להבדיל) מענטשן אין די ״רעפארם״ קהילה. ער האט פארגעלערנט פארן עולם און די פרייע אידן האבן אים אפילו גערופן ״רבי״. אבער, מארק איז געווען אן אמת׳ער מענטש. און ער האט געזעהן אז די רעפארם אידן מיינען עס נישט אמת׳דיג.

איינמאל האט מארק געטראפן זיינע אידישע חברים מיט וועלכע ער האט זיך באקענט אין קיבוץ אין א״י. ער האט געזעהן אז זיי זענען געווארן בעלי תשובה. דערנאך, איז ער געגאנגען צו זיי אויף א שבת. די שיינע דברי תורה, זמירות און שבת׳דיגע עסן האבן געמאכט א געוואלדיגע רושם אויף אים. איינזעהנדיג אז דאס איז דער אמת, האט זיך מארק מיישב געווען אז ער וויל זיך מגייר זיין געהעריג ביי די ארטאדאקסישע אידן. ער איז געגאנגען צו די פרומע קהילה אין יענע געגענט, און ער האט אנגעהויבן די פראצעדור פון גירות.

דריי יאר שפעטער און נאך זיך אסאך מוטשענען, האט זיך מארק מגייר געווען. ווען ער איז ארויס געקומען פון מקוה, האט ער זיך גענומען דעם נאמען ״גבריאל ארי׳ ״ וואס טוט סימבאלאזירן זיין נייע מהות. אלס גוי איז ער נאכגעגאנגען זיינע בהמישע תאוות. אבער יעצט אלס א איד וועט ער ארבעטן זיך מתגבר צו זיין אויף זיין תאות הבהמיות. וועגן דעם האט ער אויסגעקליבן דעם נאמען ״גבריאל ארי׳״ . ״גבריאל״, ד״ה זיך מתגבר צו זיין איבער די תאות הבהמיות, ד״ה ״ארי׳״.

יעצט האט ״גבריאל ארי׳״ זיך זייער ווי געטון אויף אלע אידן וואס ער האט געשמד׳ט אלס מיסיאנער און דאס האט אים זייער געשטערט אויפן געוויסן. האט ער אויף זיך מקבל געווען פאר א תיקון אנטשטאט דעם מקרב צו זיין אידן צום רבונו של עולם.

די הייליגע תורה זאגט די וואך אז די אייבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער צו זיין זיין ״עם סגולה.״ חז״ל און די ספרים ברענגען אז איינע פון די סיבות פארוואס די גלות גייט אזוי לאנג איז כדי די בני ישראל זאלן קענען פארזאמלען אלע פארלוירענע נשמות וואס געפינען זיך צווישן די גויאישע פעלקער, דורך דעם וואס מען איז זיי מגייר. אונזער מעשה די וואך ווייזט ווי איין גוי האט געוואלט ווערן א ״מעמבער״ אין דעם ״עם סגולה.״ דורך ליינען אזעלכע מעשיות קענען מיר אלע נתעורר ווערן זיך צו שטאלצירן מיט שמירת התורה און מצוות. ווייל דורך טון מצות ווייזן מיר אז מיר זענען טאקע ״מעמבערס״ אין דעם עם סגולה. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים., לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) נא לעיין בדף זה לאחר התפילה ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (זוהר הקדוש שמות פר׳ תרומה קלא:)